# עולת שבת בשבתו

## ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל ד'סאטמאר

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

פה ק"ק קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת | פרשת ויצא | כ"ח ז' תשע"א לפ"ק


## דורש טוב

**כל זמן שהיה יעקב בבית לבן לא שמר אלא שבת בלבד:** א

מדרש פליאה זאגט די וואך, אז די גאנצע צייט וואס יעקב אבינו איז געווען ביי לבן אין שטוב האט ער נישט געהאלטן נאר שבת. לכאורה ווייסן מיר דאך אז יעקב אבינו האט געהאלטן אלע תרי"ג מצות ביי לבן אין שטוב, פארוואס זאגט דער מדרש אז ער האט געהאלטן נאר שבת?

ענטפערט דער רבי בעל **דברי יואל** זי"ע אז אין פר' וארא זאגט רש"י אויפן פסוק **כצאתי את העיר אפרוש כפי אל ה'**, אז אין די שטאט האט ער נישט מתפלל געווען ווייל זי איז געווען פול מיט עבודה זרות. אויך די וואך שטייט אין מדרש אז דער אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב אבינו אז אזוי לאנג ווי דו ביסט באהאפטן צו דעם טמא'נעם לבן קען איך נישט זיין מיט דיר.

קען זיין אז במשך די גאנצע צוואנציג יאר וועןֹ **יעקב** האט געוואלט דינען דעם אייבערשטן האט ער דאס נישט געקענט טון ביי לבן אין שטוב, נאר ער האט געדארפט ארויסגיין אין פעלד, און דארט מקיים זיין די מצוות, ווייל ביי לבן אין שטוב איז געווען פול מיט עבודה זרות. משא"כ שבת האט ער געקענט בלייבן ביי לבן אין שטוב, ווייל די קדושה פון שבת איז שטארקער פון אלע מזיקים און אלע טומאות. אזוי אויך שטייט אז מהאי טעמא האט מען געגעבן די תורה אים שבת ווייל דעמאלטס האט דער ס"מ נישט געהאט קיין כוחות מקטרג צו זיין.

דאס זאגט דער מדרש **כל זמן שהיה יעקב בבית לבן**, ווען ער איז געווען אינעווייניג ביי לבן אין שטוב האט ער נישט געהיטן נאר שבת אליין, ווייל די קדושה פון שבת קודש איז שטארקער ווי די טומאה פון די עבודה זרות, משא"כ אלע אנדערע מצוות האט ער געהיטן אינדערויסן אין פעלד.

## ידיעות פון די וואך

המשך פון די "ידיעות" פון די פארגאנגענע וואך איבערן חשבון המולד

די לבנה שיינט אויף דער ערד יעדן חודש די זעלבע צייט 29 מיט א האלב טעג מיט 44 מינוט און איין חלק, דערנאך ווערט באנייט די נייע לבנה.

ווי מיר האבן שוין געלערנט פאריגע וואך אז א חלק מיינט א 18'טל פון א מינוט, פונקט ווי א מינוט האט 60 סעקונדעס, האט דאס 18 חלקים.
לויט דעם קען מען אויסרעכענען זייער גרינג דעם חשבון פונעם מולד: למשל דעם פארגאנגענעם חודש חשון איז דער מולד געווען "**פרייטאג פר' נח צופרי** 22 **מינוט מיט** 2 **חלקים נאך** 8" (8:22 AM) דארף מען יעצט צולייגן 29 מיט א האלב טעג מיט 44 מינוט און איין חלק, (מען קען דאס אויסרעכענען גרינגער, ווייל 28 טעג איז פונקטליך 4

וואכן, דארף מען צולייגן פונקט 4 וואכן מיט איין און א האלב טאג מיט 44 מינוט און 1 חלק) דעמאלטס איז דער מולד, קומט אויס אז דעם יעצטיגן חודש כסלו איז דער מולד געווען **"מוצש"ק תולדות פיר מינוט און דריי חלקים נאך 9"**.

יעצט לאמיר פרובירן אליין אויסצורעכענען ווען עס וועט זיין דער מולד אין חודש טבת, לייג צו צום יעצטיגן מולד פון **"מוצש"ק תולדות פיר מינוט און דריי חלקים נאך 9."**, 29 א האלב טאג (4 וואכן און 1 א האלב טאג) מיט 44 מינוט און 1 חלק, קומט דאס אויס **מאנטאג ויגש צופרי 48 מינוט מיט 4 חלקים נאך 9**.

טייערער תלמיד! פון דא און ווייטער לייג צו קאפ, און פרוביר צו דו קענסט שוין אליין אויסרעכענען דעם מולד.

אויב דער מולד פון חודש טבת איז אויסגעקומען **מאנטאג ויגש צופרי 48 מינוט מיט 4 חלקים נאך 9**. קומט אויס אז דער מולד פון חודש שבט וועט זיין דינסטאג בא ביינאכט___ מינוט מיט ___ חלקים נאך 10 .

ווייטער, דער מולד פון חודש אדר א', וועט אויסקומען דאנערשטאג פארמיטאג פרשת _______. ___ מינוט, מיט ___ חלקים נאך_____

דער מולד פון חודש אדר ב' וועט אויסקומען _____ פרשת______ _______ מינוט מיט ______חלקים נאך _______

דער מולד פון חודש ניסן וועט אויסקומען _____ **פרשת_____ ______ מינוט מיט _____חלקים נאך** ______

פון דא און ווייטער קענסטו שוין בע"ה אליין אויסרעכענען דעם לוח המולד לשנת תשע"א.

# מילי דרמיזא

**ויאמר לבן טוב תתי אותה לך מתתי אותה לאיש אחר:** זאגט דער **דברי מהרי"א** א שיינעם רמז, ווייל דאס ווארט **תתי** באטרעפט במספר קטן ניין (ת-4 ת-4 י-1 =9) **מתתי** באטרעפט דרייצן. אזוי אויך **לאה** באטרעפט ניין, און **רחל** באטרעפט דרייצן.

דאס האט שקרן לבן מרמז געווען פאר יעקב אבינו **טוב** מיר איז בעסער **תתי אותך** דיר צו געבן **לאה** וואס איז בגי' ניין, **מתתי** דאס איז **רחל** וואס באטרעפט דרייצן **לאיש אחר** וועל איך געבן פאר א צווייטן מענטש.

*

עס איז דא א שיינער רמז אויף די וואכענדיגע פרשה, ווי אינעם פסוק **ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה** איז מרומז די גאנצע פרשה: ו'יצא י'עקב צ'דיק א'ז י'שא ע'שו ק'ול ב'כי מ'יד ב'א א'ליפז ר'שע ש'הוא ב'ן ע'שו, ו'יתן י'עקב ל'ו כ'ל ח'פציו ר'ק נ'שאר ה'מקל.

אזוי אויך ווייטער אינעם פסוק ויספר ללבן **את כל הדברים האלה:** א'ל ת'תמה כ'י ל'א ה'באתי ד'בר ב'רכוש ר'ב י'צאתי מ'שם ה'לך א'ליפז ל'קח ה'כל.

# מוסר הפרשה

**ונתן לי לחם לאכול ובגד ללבוש:** דער **רבי בעל דברי יואל זי"ע** זאגט א שיין ווערטל על דרך מוסר, עס איז דא מענטשן וואס פירן זיך נישט על דרך התורה, און זיי עסן און טרינקען יום כיפור און תשעה באב, לכאורה פון וואו האבן זיי געלט צו קויפן עסן אין די טעג, פון הימל גיט מען דאך זיכער נישט פאר זיי אז זיי זאלן האבן געלט צו קויפן עסן אין די טעג וואס מען טאר נישט.

נאר עס מוז זיין, אז די מענטשן גייען מיט קורצע קליידער מיט בגדי פריצות, און דאס געלט וואס זיי פארדינען דורכדעם וואס זיי גייען מיט קורצע קליידער דאס נעמען זיי צו קויפן עסן אין די טעג וואס מען מוז פאסטן.

דאס האט יעקב אבינו געזאגט, **ונתן לי לחם לאכול**, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן גענוג ברויט צו עסן, כדי **ובגד ללבוש**, אז איך זאל האבן א געהעריג קלייד אנצוטוהן און נישט ברויכן קורצער מאכן די קליידער כדי צו האבן צו עסן.

# מעשה רב

אין די ערשטע יארן נאך די מלחמה, ווען אידן פון אייראפע האבן אנגעהויבן צו קומען אהער קיין אמעריקע, איז דער מצב אין אידישקייט געווען זייער שוואך, און אסאך אידן האבן נאכגעלאזט פון זייער אמאליגן ערליכן לעבנס שטייגער. ווען דער רבי בעל דברי יואל זי"ע פלעגט באגעגענען די אידן פלעגט ער זיי פארהאלטן און מוסר זאגן אויף זייער אויפפירונג.

איינמאל האט דער רבי געטראפן א איד פון א היימישע משפחה וועלכער האט זיך געשוירן די בארד און פיאות, האט אים דער רבי שטארק פארגעהאלטן פארוואס ער פירט זיך נישט אזוי ווי זיינע עלטערן און ער גייט אנדערש פון זיי, האט דער איד אנגעהויבן זאגן תירוצים, אז אמעריקע איז אנדערש, און אז היינטיגע צייטן קען מען נישט טוהן וואס אמאל.

האט אים דער רבי געענטפערט "דו זאגסט דעם תירוץ פון לבן הארמי"...

ווען דער איד האט דעם רבי'ן אנגעקוקט מיט וואונדער, נישט פארשטייענדיג וואס ער מיינט צו זאגן, האט אים דער רבי' ערקלערט "אין פרשת ויצא געפונען מיר אז לבן האט זיך באגעגענט מיט יעקב נאכדעם וואס ער איז פון אים אנטלאפן, האט ער אים דאן געזאגט "יש לאל ידי לעשות עמכם רע, איך קען מיט אייך טוהן שלעכטס, ואלקי אביכם אמש אמר אלי לאמר השמר לך מדבר עם יעקב מטוב עד רע, דער אייבערשטער האט מיר נעכטן געווארנט נישט צו רעדן מיט דיר קיין שלעכט ווארט".

"דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס האט ער געזאגט פאר יעקב איך קען מיט אייך טוהן שלעכטס נאכדעם וואס

אייבערשטער האט אים שוין געווארענט אז ער זאל דאס נישט טוהן?"

"נאר לבן האט געזאגט 'איך קען מיט אייך טוהן שלעכטס, ווייל אלקי אביכם 'אמש' אמר אלי דער אייבערשטער האט מיר נעכטן געזאגט אז איך זאל נישט טוהן שלעכטס, אבער היינט איז שוין אנדערע צייטן... וואס מען האט נעכטן נישט געטארט מעג מען שוין היינט יא..."

# הילולא דצדיקיא

קומענדיגן מאנטאג ח' כסלו איז די יארצייט פון

## כ"ק הרב הקדוש רבי אהרן מטשערנאבל זצוק"ל

דער הייליגער צדיק רבי ר' אהרן מטשערנאבל זי"ע איז געווען א זון פון הרה"ק רבי מאטעלע מטשערנאבל זי"ע, א זון פון הרה"ק רבי מנחם נחום מטשערנאבל זי"ע דער מאור עינים. זיין מוטער די צדיקת חי' שרה איז געווען א טאכטער פון הרה"ק רבי אהרן הגדול פון קארלין זי"ע.

נאך אלס יונגערמאן האט אים זיין הייליגער טאטע געהייסן אז ער זאל אנהייבן צו פירן אן עדה מיט חסידים. ער איז דעמאלטס געפארן אויף א שב"ק צו הרה"ק רבי ברוכ'ל מעזעבוז'שער זי"ע, וועלכער האט אים מסמיך געווען צו זיין א רבי, און ער האט אים דאן געגעבן במתנה א ווייסע בעקיטשע, מיט וואס די צדיקים פלעגן גיין אנגעטון שב"ק. פון דעמאלטס אן פלעגט ער אסאך ארומפארן איבער די שטעט, און מעורר געווען אידן צו תשובה, און נאך די פטירה פון זיין הייליגן טאטן אין יאר תקצ"ז, האט ער ממלא מקומו געווען אלס מגיד אין טשערנאבל.

## געפרעגט פונעם בעל התוספות אליין

עס ווערט דערציילט אז איינמאל איז ער אנגעקומען אין א שטאט זאגן א דרשה, און אין יענע שטאט האבן געוואוינט אסאך מתנגדים.

פרייטאג צונאכטס איז ער צוגעגאנגען צום עמוד צו מנחה און צו קבלת שבת, אן דעם וואס ער האט געבעטן רשות פון די גבאים, און ער האט געדאווענט מיט א הויכן קול און מיט א געוואלדיגע התלהבות כדרכו בקודש. דאס האט זייער פארדראסן פאר די שטאטסלייט, און אויך פארן רב פון די שטאט וועלכער איז געווען א מתנגד איז געווען ברוגז אויף דעם גאסט וואס האט זיך צוגעשטעלט צום עמוד אן קיין רשות.

האט דער רב געזאגט נאכן דאווענען אז מ'זועט שטעלן דעם גאסט אויף א פארהער, אויב קען ער לערנען וועט מען אים מוחל זיין אויף דעם וואס ער איז צוגעגאנגען צום עמוד אן קיין רשות. און אויב איז ער א עם הארץ וועט ער מוזן באקומען א קנס. און דער רב האט געשיקט צוויי יונגעלייט צו הרה"ק רבי אהרן, אז זיי זאלן אים פרעגן א שווערע קשיא אין א תוספות אויף וואס ער האט זיך געמוטשעט.

ווען די יונגעלייט זענען געקומען צו אים און זיי האבן אים געפרעגט די קשיא, האט ער זיי געזאגט אז ער איז יעצט זייער מיד, און ער קען נישט ענטפערן, זיי זאלן קומען מארגן אינדערפרי, און דאן וועט ער זיי מסביר זיין דעם תוספות. ווען זיי זענען געקומען אינדערפרי האט ער זיי געזאגט עפעס א הפלא'דיגן פשט אינעם תוספות. אבער ווען די יונגעלייט זענען אנגעקומען צוריק צום רב האבן זיי שוין געהאט פארגעסן דעם פשט. איז דער רב אליינס אריבערגעקומען פרעגן דעם פשט.

האט הרה"ק רבי אהרן געזאגט "באמת האב איך נישט אליינס געוואוסט דעם תירוץ, נאר איך האב מורא געהאט אז ס'זועט ארויסקומען א חילול ה' אויב איר וועט מפרסם זיין אז איך קען נישט לערנען, האב איך געפרעגט אייער קשיא פונעם בעל התוספות אליין און ער האט מיר געזאגט דעם תירוץ. אבער אז איר ווילט וויסן פשט אין תוס' דארפט איר זיך אליינס מוטשענען און פלאגן ביז איר וועט פארשטיין".

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

## לערנען חומש רש"י!

ווי באקאנט האט דער רבי בעל דברי יואל זי"ע פארלאנגט פון די תלמידים פון זיין ישיבה אז מען זאל יעדע וואך לערנען און חזר'ן חומש רש"י די גאנצע סדרה. אינדערהיים אין די שטאט סאטמאר, איז געווען א באשטימטע צייט יעדע וואך מוצאי שבת ווען דער רבי האט פארהערט די בחורים חומש רש"י די גאנצע סדרה.

דא אין אמעריקע איז שוין נישט געווען א באשטימטע צייט ווען דער רבי האט פארהערט חומש רש"י, אבער אפטמאל ווען ער פלעגט פארהערן די גרויסע בחורים דעם וואכנדיגן שיעור, ווען א בחור האט גוט געזאגט א תוספות מיט ראשונים, האט אים דער רבי א פרעג געטוהן א רש"י פון די וואכנדיגע סדרה, און אויב האט ער נישט געוואוסט צו ענטפערן, האט ער געכאפט פונעם רבי'ן א שטארקן פסק.

איינמאל פרשת ויצא האט דער רבי געפרעגט א בחור "וואס איז טייטשט ויאמר יעקב לְאֶחָיו", האט דער בחור געענטפערט פשוט די טייטש אז יעקב האט געזאגט פאר זיינע ברודער, האט אים דער רבי געפרעגט שארף "אפשר קענסטו מיר אויסרעכענען די נעמען פון יעקב'ס ברודער?"...